


אידיש

בסייעתא דשמיא

# זרע שמשון

געקליבענע געדאנקען און טרעפליכע פערל ווערטער אויף די וועכענטליכע פרשה.
צוזאמגענומען פון די ספרים פון דער גרויסער צדיק
און גאון רבינו שמשון חיים ב"ר נחמן מיכאל נחמני זלה"ה.
וועלכע האט צוגעזאגט פאר די אלע וואס לערנען זיינע ספרים און תורות, וועלן זוכה זיין
צו זעהן ישועות און נפלאות אין אלע הינזיכטן - 'בני חיי ומזוני'.

וישלח תשפ"ג •זרע שמשון - א לימוד וואס איז משפיע ישועות• גליון 289

## אמרות שמשון

### פארוואס דארף דער מדרש מאכן א קל וחומר • די שכינה איז נישט שורה אויף ווייניגער פון שישים רבוא

***וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים לְפָנָיו אֶל עֵשָׂו אָחִיו אַרְצָה שֵׂעִיר שְׂדֵה אֱדוֹם*** (לב, ד): עס שטייט אין מדרש (ב"ר עה, ג), **א"ר חמא ב"ח, הגר שפחת שרה היה ונזדמנו לה מלאכים, זהו שהוא אוהבו של בית על אחת כמה וכמה. ומה אליעזר שהיה עבדו של בית נזדווגו לו כמה מלאכים, זה שהוא אהובו של בית על אחת וכמה וכמה. א"ר יוסי, יוסף קטן של שבטים היה ונזדווגו לו שלשה מלאכים הדא הוא דכתיב** (בראשית לז), **וימצאהו איש וישאלהו האיש ויאמר האיש. זה שהוא אביהן כל כולן על אחת כמה וכמה** - רבי חמי בר חנינא זאגט, הגר וואס איז געווען א דינסט פון אברהם אבינו האט זיך אנגעטראפן מיט מלאכים. און אזוי אויך אליעזר וואס איז נאר געווען אן עבד פון אברהם אבינו האט זיך אנגעטראפן מיט מלאכים. יוסף וואס איז געווען פון די קלענסטע פון די שבטים האט זיך אנגעטראפן מיט מלאכים וכו', איז דאך זיכער אז יעקב אבינו אליינס האט זיך אודאי אנגעטראפן מיט מלאכים. שטעלט זיך דער קשיא, פארוואס דארף דער מדרש מאכן א קל וחומר צו אויפווייזן אז יעקב אבינו האט זיך אנגעטראפן מיט מלאכים, עס איז דאך א בפירוש'ער פסוק סוף פרשת ויצא, **ויעקב הלך לדרכו ויפגעו בו מלאכי אלקים וגו'**.

**נאר** מ'קען פארענטפערן לויט ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש (ב"ר עד, יז), **שישים רבוא מלאכים היו חלים ומרקדים לפני יעקב בכניסתו לארץ, הדא הוא דכתיב ויאמר יעקב כאשר ראם מחנה אלוקים זה, ואין מחנה פחות משישים רבוא** - ווען יעקב אבינו איז אריינגעקומען קיין ארץ ישראל, זענען אים אנטקעגן געקומען זעכציג טויזענט מלאכים און געטאנצען פאר אים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק ויאמר יעקב כאשר ראם "מחנה" אלוקים זה, און א מחנה איז נישט ווייניגער פון זעכציג טויזענט. לויט דעם פארשטייט מען פארוואס יעקב אבינו האט נישט געקענט נעמען שלוחים פון דעם מחנה מלאכים צו שיקן צו עשו, וויבאלד דאס איז געווען מחנה אלוקים - מחנה שכינה, און ער האט נישט געקענט פארמינערן פון די סומע פון די מלאכים וויבאלד די שכינה איז נישט שורה אויף ווייניגער פון שישים רבוא, דערפאר האט די מדרש געדארפט ארויסלערנען פון א קל וחומר אז עס זענען געקומען אנדערע מלאכים אים צו באדינען. (זרע שמשון פרשתנו אות א')




### יעקב אבינו באציעט זיך נאר אויף דאס געלט און רייכטום • אויף שמירה האט יעקב אבינו א צוזאגט • יעקב האט מורא מען האט אראפגערעכנט פון זיינע זכותים

***קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים וּמִכָּל הָאֱמֶת אֲשֶׁר עָשִׂיתָ אֶת עַבְדֶּךָ כִּי בְמַקְלִי עָבַרְתִּי אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה וְעַתָּה הָיִיתִי לִשְׁנֵי מַחֲנוֹת*** (לב, יא): פון די ווערטער פון יעקב אבינו זעט אויס, אז דאס עיקר וואס יעקב דאנקט דעם באשעפער איז אויף דאס געלט און רייכטום וואס ער האט באקומען. אזוי ווי ער זאגט אין זיינע ווערטער, ***כִּי בְמַקְלִי עָבַרְתִּי אֶת הַיַּרְדֵּן הַזֶּה וְעַתָּה הָיִיתִי לִשְׁנֵי מַחֲנוֹת***.

**לכאורה** וואלט יעקב אבינו געדארפט דאנקען דעם אויבערשטן הויפטזעכליך איבער דעם וואס ער איז געראטעוועט געווארן פון די הענט פון לבן און עשו.

**דער** תירוץ איז, דורכאויס די גאנצע צייט האט יעקב אבינו האט מורא געהאט, אז ער האט פארלוירן זיינע זכותים, צוליב די אלע גרויסע ניסים און טובות וואס דער אויבערשטער האט געטון צו אים.

**אבער** אויף דעם וואס ער איז געראטעוועט געווארן פון לבן און עשו, אויף דעם האט ער נישט מורא געהאט וויבאלד ער פארמאגט א קלארע צוזאג פונעם אויבערשטן (לעיל כח, טו) ***וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ***, און אויף דעם רעכנט מען נישט אראפ פון זיינע זכותים, (עיין בדברי רבינו פרשת ויצא אות כ"ב).

**אבער** אויף דער געלט און עשירות וואס ער האט באקומען (וואס דערויף האט ער נישט געהאט קיין צוזאג), אויף דעם האט ער שוין יא מורא געהאט אז דאס וועט אראפרעכענען זיינע זכותים, דעריבער ווען ער זאגט די ווערטער: ***קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים* וגו'** (איך בין קליין געווארן פון מיינע זכותים), טוט ער זיך הויפטזעכליך באַציען אויף די געלט און רייכטום וואס ער האט באקומען, ווייל פון דעם קען ווערן אראפגערעכנט פון זיינע זכותים. (פרשתינו אות ב')

• הוצאת הגליון והפצתו לזכות •

לברכה ולהצלחה
צבי יצחק דוב בן גיטל חיה וזוג' מרים סאבל בת אסתר ובניהם שמעון יחזקאל, ישעיה, יואל אלעזר
שיזכו לסייעתא דשמיא ולהצלחה בכל הענינים

'קול זרע שמשון העולמי'
ארץ ישראל 02-80-80-600
ארה"ב 716-229-4808
לונדון 0333-300-2515
ניתן להקדיש שיעורים לזכות לברכה ולעילוי נשמת

תורמים ונושעים
ארץ ישראל 02-80-80-500
ארה"ב 347-496-5657
או באתר: www.zerashimshon.co.il
כולם זוכים! קחו חלק בהפצה העולמית הנרחבת

לעילוי נשמת
רבי חיים בן סוליקה ז"ל
נלב"ע ט"ז כסלו תשפ"ב ת.נ.צ.ב.ה.
ובשבת קודש חל יום ההילולא

# גבורת שמשון
## סיפורי ישועה

**עס פארציילט הרב ר' ח. ע. שליט"א א וואונדערליכע עפיזאד וואס האט זיך אפגעשפילט דעם פארלאפענע חודש חשון - שנת תשפ"ג לפ"ק:**

## א שטראל פון האפענונג

**מיט** בערך א יאר און א האלב צוריק האב איך געגעבן דער ספר 'זרע שמשון אין אידיש' פאר א נאנטע ידיד מיינע, וועלכע איז א עלטערע בחור. טראץ וואס דער בחור איז גאר א טייערער און חשוב'ער בחור, איז מן השמים נאכנישט באשערט אז ער זאל טרעפן זיין צוגעפאסטע זיווג. און די יארן לויפן פאראויס, און ער איז שוין העכער די דרייסיג יאר, און טראץ די אלע שוועריקייטן, שטרענגט ער זיך אן צו אנגיין ווייטער מיט א פרישקייט און א חיות.

**ווען** איך האב אים געגעבן דער ספר זרע שמשון, האב איך אים פארציילט איבער די וואונדערליכע סגולה וואס דער הייליגער מחבר האט צוגעזאגט פאר די וואס וועלן לערנען זיינע ספרים, און דערביי האב איך אים פארציילט עטליכע מעשיות ווי אידן זענען געהאלפן מיט שידוכים בזכות דער הייליגער זרע שמשון.

**"דו** ווייסט וויפיל סגולות איך האב שוין פראבירט?" - זאגט מיר דער בחור מיט ווייטאג - "איך מיין אז די אלע סגולות ארבעט נישט ביי מיר, עס זעט מיר נישט אויס אז דאס וועט ארבעטן, בשעת ווען אלע אנדערע סגולות האבן נישט געארבעט".

**"דו** קענסט נישט וויסן" - ענטפער איך פארן בחור - "דער הייליגער זרע שמשון זי"ע, האט שוין באוויזן וואונדערליכע ישועות, טאקע אין אזעלכע פעלער, ווי מען האט שוין אויפגעגעבן, און מען האט געמיינט אז גארנישט וועט נישט ארבעטן".

**און** איך האב זיך ממש ווי געבעטן ביי אים: "וואס שטערט דיך צו פראבירן, עס איז א סגולה וואס קאסט נישט קיין געלט, מען בעט נישט פון דיר קיין פענ"י, מען דארף בלויז לערנען די הייליגע תורות פונעם צדיק, און עס קען זיכער נישט שאדן, און אז דו וועסט גלייבן באמונה שלימה אין די כח פונעם צדיק, וועסטו בעזהשי"ת געהאלפן ווערן".

**דער** בחור האט בלית ברירה מסכים געווען, און האט אנגעהויבן צו לערנען דער ספר זרע שמשון, אבער נאך א קורצע צייט האט ער אויפגעגעבן, און האט ווייטער ממשיך געווען מיט לעבן.

**דורכאויס** די צייט, האבן מיר כסדר גערעדט און געשמועסט פון פארשידענע ענינים, אבער די נושא פון לערנען 'זרע שמשון', איז מער נישט ארויפגעקומען ביי אונזער שמועס.

**אזוי** איז אריבער א יאר און א האלב, און גארנישט האט זיך נישט גערוקט.

**אנפאנג** חודש חשון - שנת תשפ"ג - האבן מיר נאכאמאל גערעדט, און ער איז געווען זייער געפאַלן ביי זיך איבער זיין מצב, איבערהויפט די פאקט אז מען טראגט בכלל נישט אן קיין שידוכים, ווי גלייך די גאנצע וועלט האט פארגעסן פון אים, וואס דאס האט פילפאכיג פארמערט די ווייטאג.

**און** דעמאלטס האט ער מיר פארציילט, אז ער האט ווידעראמאל אנגעהויבן צו לערנען דער ספר זרע שמשון, און האט דאס אנגעהויבן צו לערנען מיט די גאנצע ערנסטקייט, מיט א געוואלדיגע אמונה און ביטחון אינעם אויבערשטן, אבער דער באשעפער קען און וועט אים זיכער העלפן, און ער מאכט זיכער צו לערנען יעדע וואך אלע תורות פונעם זרע שמשון אויפן פרשה, און ער לערנט עס מיט א קלארקייט און גרונטליכקייט, און סוף וואך חזר'ט ער איבער אלע תורות פון די פרשה.

**איך** האב אים זייער ווארעם אנגעוואונטשן, אז דער גרויסער זכות פונעם גרויסן זרע שמשון, וועט אים בעזהשי"ת ביישטיין, און בקרוב וועט מען זוכה זיין צו הערן גוטע בשורות.

**צוויי** וואכן שפעטער - פרשת חיי שרה - באקום איך פון אים א מעסעדזש, ווי ער פארציילט מיר א אומגעלויבליכע געשעעניש:

**"איך** ווייס נישט וואס דיר צו זאגן, אבער איך מוז דיר עפעס פארציילן, די וואך אליינס האט מען מיר אנגעטראגן 'פיר שידוכים', איך האב נישט קיין איינונג וואס דאס מיינט, עס איז קיינמאל נאכנישט געווען אזא זאך. און א חבר האט מיר געפרעגט, וואס האסטו געטון אז מען זאל דיר פלוצלונג אנטראגן אין איין וואך פיר שידוכים, האב איך אים געענטפערט, איך ווייס נישט וואס איז געווען ספעציעל, אבער איין זאך האב איך לעצטנ'ס אנגעהויבן צו טון, דאס איז די סגולה פון לערנען זרע שמשון".

**און** ער לייגט צו: "נישט נאר דאס, אין די לעצטע צוויי וואכן האב איך ב"ה געזען א גרויסע הצלחה אין מיין ארבעט, איך האב שוין אסאך חדשים נישט געמאכט אזוי פיל געלט, אזוי ווי די לעצטע פאר וואכן".

**ווי** פארשטייט זיך אז מען ווארט מיטן אויבערשטנ'ס הילף אויף די גאנצע ישועה, אבער דער סימן וואס דער הייליגער זרע שמשון האט געשיקט, איז געווען זייער קלאר און דייטליך, און עס איז געווען א שטראל פון האפענונג וואס האט אויפגעלאכטן.

**און** דער אויבערשטער זאל העלפן אז בזכות די הייליגע סגולה פונעם זרע שמשון, און בזכות דעם וואס די מעשה וועט בס"ד מחזק זיין נאך אידן איבער די וועלט צו לערנען זרע שמשון, זאל דאס זיין פאר א זכות צו געהאלפן ווערן מיט א גאנצע ישועה בקרוב ממש, זי"ע.

---

מתוך ברכת והבטחת הרב המחבר
### רבנו שמשון חיים נחמני זלה"ה
בבקשתו ותחינתו בהקדמת ספריו

'למען אחי רעי ותלמידי ישאו את שמי על שפתם, ועל הטוב יזכר שמי בפיהם אחר מותי, כאשר בעשר לשונות של תפילה אני מחלה פניהם, ובעל הגמול ישלם במיטב חי אריכי ומזוני טפי לגומלי חסדים טובים'.

* * *

'כאשר אני מחלה פניהם בעשר לשונות של תפילה לברוך המנה היפה אשר ייטב בעיניהם בחידושים הללו, ובפרט אחרי מותי כי לימודם יהיה לי להשיב נפש ולעידון רוח ולזכות נשמתי, וצדקה תהיה להם וצדקתם תעמוד להם לאכול בעוה"ז ולשבוע בעוה"ב, ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'.

* * *

'ובעל הגמול ישלם בזכות זה שכר טוב לגומלי חסד של אמת במותב תלתא, בני חיי ומזוני טבי'. 'ועיניכם תראינה בנים בני בנים כשתילי זיתים סביב לשולחנכם, חכמים ונבונים, ובתים מלאים כל טוב, גם עושר גם כבוד לא יסופו מזרעכם'.

---


**ארויסגעגעבן דורך 'האיגוד העולמי להפצת תורת רבינו הזרע שמשון'.**

צו באקומען דעם גליון וועכענטליך, פאר באמערקונגען, אדער איבערצוגעבן פערזענליכע סיפורים, קען מען זיך ווענדן צו: zera277@gmail.com

אדער קענט איר זיך פארבינדען צו דאס פאלגענדע: **ארץ ישראל** הרב ישראל זילברברג: 052-716-6450

**אמעריקע** הרב מנחם בנימין פאשקעס: 347-496-5657 mbpaskesz@gmail.com Zera Shimshon C/O B Paskesz 1645 48 St. Brooklyn NY 11204

צו באקומען די ספר 'זרע שמשון' קען מען זיך פארבינדן
ארץ ישראל: 05271-66-450
בארה"ב: 347-496-5657

אזוי אויך קענט איר אטייל נעמען אין די הוצאות, צו מנדב זיין לזכות אדער לע"נ און גלייכצייטיג זוכה זיין צו די זעלטענע ברכה פון דער הייליגער 'זרע שמשון'

ניתן להפקיד בבנק מרכנתיל (17) סניף 635 מ.ח. 71713028 ע"ש זרע שמשון כמו"כ ניתן לתרום בכרטיס אשראי

זרע שמשון ע"ר 580624120


**וזכות הצדיק ודברי תורתו הקדושים יגן מכל צרה וצוקה, ויושפע על הלומדים ועל המסייעים בני חיי ומזוני וכל טוב סלה כהבטחתו בהקדמת ספריו**